2 סענט 2 סענט

A
JEWISH
CANADIAN
DAILY

CIRCULATED
ALL OVER
CANADA
AND ABROAD

THE HEBREW JOURNAL

דער אידישער זשורנאל

CANADA

א נאציאנאל־אידי־
שע צייטונג וואס
אידישע און מענשי־
[illegible] ענינים בפרט
און פאר אלוועלט־
ליכע ענינים בכלל,
און וועלכע איז אנ־
ערקענט איבעראל
אלס אזעלכע. —

VOLUME IV. No. 11740 Toronto Tuesday March 13 1917 יט אדר פרשה ויקהל פקודי תרעז דינסטאג דער 13־טער מערץ 1917 PRICE: TWO CENTS

A S Freidus
c/o The New York
Public Library
476 Fifth Ave

טערקישע ארמיי ...ט פערלוירען צוויי דריטעל פו... ארטילעריע

אין די שלאכטען פאר באגדאד האבען די טע... רען זייער ערטילעריע: זאגט באנאר לאו א... קאמאנס, געוועזענער אמעריקאנער אמבאסאדאר ... בערלין אנגעקומען אין אמעריקא

לאנדאן מערץ 12

נאכדעם ווי עס איז אין דער האוז אף קאמאנס אנאנסירט געווארען אז באגדאד איז געפאלען האט אנדריו באנאר לאו ערקלעהרט אז עס איז קיין צווייפעל דאס צוויי דריטעל פון דער טערקישער ארטילעריע איז אריינגעפאלען אין די הענד פון דער ענגלישער ארמיי אדער זיי זיינען דערטרונקען געווארען אין טייך טיגריס.

באנאר לאו האט ווייטער ערקלעהרט אז דאס פאלען פון באגדאד איז דער רעזולטאט פון א רייהע בריליאנטענע ציגע וועלכע זיינען דורכגעפיהרט געווארען פון ענגלישע און אינדיער סאלדאטען אונטער דער קאמאנדע פון גענעראל מאוד פאר וועלכען קיין בעלוינונג איז ניט צו גרויס.

גלייך ווי ער האט אריבער געפיהרט זיין ארמיי איבער דער טיגרים פון קוט־על אמארא האט ער געשטעלט די טערקישע ארמיי אין אזא פאזיציע אז זי האט זיך געמוזט צוריקציהען ביז באגדאד, דערביי האבען די ענגלענדער פערנומען פיל געפאנגענע און מאסען אמוניציע.

דעם פינפטען מערץ האט באנאר לאו פארגעזעצט, זיינען די ענגלענדער געקומען אין א צוזאמענשטויס מיט די טערקישע אויף א פונקט 27 מייל פון באגדאד און נאך א שלאכט וועלכע האט אנגעהאלטען ביז נאכט האבען זיך די טערקען געמוזט צוריקציהען איבערלאזענדיג זייערע פאזיציעס וועלכע זיי האבען פריהער פערטהיידיגט.

דעם 7־טען מערץ האט די ענגלישע קאוואלעריע געפונען די טערקען בעפעסטיגט ארום דער טייך דיאלא ניט מעהר ווי אכט מייל פון באגדאד. דער געגענד דארטען איז ניט געווען קיין גינסטיגער און דער גענעראל האט דעריבער צוריק געצויגען פון דארטען די קאוואלעריע און האט געשטעלט די אינפאנטעריע, און דער זעלבער צייט האבען די טערקען בעקומען פערשטארקונג פון באגדאד און האמען ארויסגעוויזען א זעהר שטארקען ווידערשטאנד אויף אזא אופן פערטהיידיגענדיג באגדאד פון דרום מערב.

די ענגלענדער האבען ניט קוקענדיג אויף דער שווערער וועג און אויף די שרעקליכע היצען דורכגעמאכט א זעהר שווערע וועג פון 110 מייל אין צייט פון 15 טעג און זונטאג פריה זיינען זיין אריין אין באגדאד. זייער מארשרוט איז געקרוינט געווארען מיט ערפאלג.

די פרייד אין פראנקרייך

טעלעגראמען פון פאריז מעלדען אז אלע מארגען צייטונגען זיינען ארויס מיט קאמענטארען וועגען דעם גרויסען ענגלישען זיעג אין מעסאפאטאמיען, און כמעט אלע זיינען איינשטימיג מיט דער מיינונג אז אויב דער זיעג איז ניט זעהר קיין גרויסער אין בעצוג צו די אייראפעאישע שלאכטפעלדער איז ער אבער א גרויסער קלאפ פאר דייטשלאנד.

דער ציעל איז מאסול

די ענגלישע ארמייען אין מעסאפאטאמיען ציעלען צו מאסול.

די גרויסע ארמייען נעהען יעצט אין מעסא טאמיען. די ארמיי וועלכע האט יעצט פערנומען באגדאד. די צווייטע ענגלישע ארמיי וועלכע אונטנסירט ביים ברעג פון מיטעללענדישען ים געהענדיג אין ירושלים, און די דריטע איז די רוסישע ארמיי וועלכע יעהט פון פערסיען.

אלע מיליטער אויטאריטעטען זיינען איינשטימיג אז אלע דייטשע פלענער ווערען אוועק [illegible] יעצט צופאלען ווי א קארטען שטיבעלע.

צארסקער אוקאז שליסט ווידער די דומא

רוסישע דומא ווידער צוגעמאכט

לאנדאן מערץ 12

צאר ניקאלאי האט ארויסגעגעבען צוויי אוקאזען, איינער אז די רוסישע דומא זאל פערמאכט ווערען, דאס הייסט זי זאל איבעררייסען איהרע זיצונגען, און דער צווייטער אז דער גאסודארסטווענני סאוויעט זאל זיך אויך מעהר ניט פערזאמלען סיידען אין אן אויסערגעוועהנליכע פאל.

די דומא איז געשלאסען ביז קומענדען מאנאט, אזוי מעלדעט א טעלעגראמע פון רויטערס טעלעגראף אגענטור פון פעטראגראד.

די טעלעגראמע איז א גאנץ טרוקענע און קיין איינצעלהייטען זיינען ניט בעקאנט.

האבען געזונקען 140 טויזענד טאן שיפען

בערלין מערץ 12 (דראטלאז דורך סייוויל)

די אפיציעלע דייטשע פרעס ביורא די איבער זעע נייעס אגענטור האט היינט פערעפענטליכט פאלגענדען סטייטמענט אז דעם 11־טען מערץ זיינען געזונקען געווארען 42,000 טאן שיפען און צוזאמען מיט די בעריכטען פון דעם 7־טען און 8 טען מערץ זיינען הייסט עס געזונקען געווארען 114,000 טאן שיפען.

מר. ה. וויינבערג
פרעזידענט פונ׳ם ״אידישען זשורנאל״
שיקט
געלד קיין רוסלאנד
לויט׳ן טאגעס קורס
32c.
(פאר׳ן רובעל)
מיר שיקען אויך טעלעגראפיש.
געלד געשיקט נאך אלע טהיילען פון : דער וועלט. :

העניריעטע סזאלד ערווארטעט אין טאראנטא

ווי מרס. סיליק, די סעקרעטערין פון דער היגער הדסה לאזט אונז וויסען, וועט די בעקאנטע ציוניסטקע סזאלד, די סעקרעטערין פון דער דזשואיש פאבליקיישאן סאסייטע און א טהוערין פאר דער הדסה די טעג קומען נאך טאראנטא, אין דיא אינטערעסען פון דיעזע ארגאניזאציאן.

זונטאג אבענד דעם 18־טען מערץ וועט אין לאוס וווינטער גארדען פארקומען א פערזאמלונג ביי וועלכער מיס סזאלד וועט זיין די הויפט רעדנערין, און וועט ריידען איבער ,,די אויפטהוענגען און אויפגאבען פון דער הדסה.

די פערזאמלונג איז ארראנזשירט פון דער הדסה, און צו דיעזער פערזאמלונג וועלען זיין פערטראטען פיעלע ארגאניזאציעס דורך דעלעגאטען, ווי די יאנג מען זייאן, נארדוי ציון, ציונס טעכטער, בנות ציון קדימה דע סאלא מיידלאך, קאונסיל אף דזשואיש וויימען, פועלי ציון, היברו לײדיעס אייד, נוירסערי, קימפעטארין סאסייטי, פראפעשאנעל קלאב, אחיעבר, און פיעלע אנדערע.

דאטשעס אוו קאנאטה קראנק אויף מאזלען.

לאנדאן מערץ 12

דעם דרייצעהנטען פעברואר איז אפיציעל אנאנסירט געווארען דאס די דאטשעס אוו קאנאטה, די פרוי פון דעם געוועזענעם גאווערנאר דזשענעראל פון קענעדע דער דיוק אף קאנאטה איז קראנק געווארען אויף בראנקייטוס און אין פערלויף פון איהר קראנקהייט האט זיך ביי איהר ענטוויקעלט מאזלען, און אלס א צוגאב דערצו איז אויך צוגעקומען א לונגען ענטציגדונג (נעמאניא). איהר צושטנאד איז ערקלעהרט געווארען אלס א גאנץ ערנסטער און ביז נעכטען איז איהר לאגע נאך ניט געווען געענדערט.

האט זיך גוט בעווארענט

ניו יארק מערץ 12

דער היגער דיסטריקט אטורני האט שטארקע בעווייזע אז פאן איגעל וועלכער איז געשטאנען אונטער א קלאגע פאר מאכען א קאנספיראציע אויפצורייסען דעם וועלאנד קאנאל און וועלכער איז אבגעפאהרען צוזאמען מיט פאן בערנסטארף׳ן האט פאר זיין אבפאהרען צוטהיילט הונדערט טויזענד דאלאר פאר פערשוועהרונגען און דייטשער פראפאגאנגאנדע.

בערענסטארף אין קאפענהאגען

קאפענהאגען מערץ 12

גראף פאן־בערענסטארף דער געוועזענער דייטשער אמבאסאדאר אין וואשינג טאן איז היינט אנגעקומען אין קאפענהאגען.

דער דייטשער מיניסטער אין דענעמארק און דער דייטשער קאנסול פון קאפענהאגען האבען איהם בעגעגנט אויף דער שטאט.

...אס דייטשע פאלק איז גלייכגילטיג צו דער מלחמה

דער שרעקליכער הונגער האט געטריבען די בעפעלקערונג צו גלייכגילטיגקייט וועגען זיעג און פערלוסט. קייזער קראנק.

האוואנא מערץ 12

נאך א לאנגער און שווערע רייזע דורכפאהרענדיג ארום 6 טויזענד מייל איז דער געוועזענער אמעריקאנער אמבאסאדאר אין בערלין דזשעראַרד צוזאמען מיט זיין פארטיע אנגעקומען אהער.

אלע אמעריקאנער וועלכע זיינען געקומען פון דייטשלאנד ערקלעהרען אז אין דייטשלאנד פעהלט אוים שפייז, עס פעהלט זיי אויס קארטאפעל, פעטס, צוקער און פיעל אנדערע ארטיקלען, זיי זיינען אבער אלע איינשטימיג מיט דער מיינונג אז די דייטשען קענען נאך ווי עס איז דורכשטופען דעם זומער און זייער גאנצע האפנונג איז אויף דער גערעטעניש אויף דיא פעלדער.

איינינע אמעריקאנער וועלכע זיינען געקומען מיט דזשעראַרדען דערצעהלען אז אין דייטשלאנד פעהלען אויך אוים אייזערנע מעטאלען וועלכע זיינען זעהר נויטיג צו פאבריצירען אמוניציע.

דזשעראַרד אליין איז שרעקליך אויסגעמאטערט פון דער רייזע און רעדט גאנץ וועניג, דאס ערשטע ווארט ביים ארויסשטייגען וועלכען ער האט געפרעגט איז וועגען ווייטערע איינצעלהייטען, וועגען דער דייטשער פערשווערונג אריינצושלעפען מעקסיקא און יאפאן אין קריעג געגען אמעריקא, ער אינטערעסירט זיך מיט דעם זעהר שטארק, און ווי עס ווייזט אויס האט ער פיעל צו זאגען וועגען דעם אבער ער האט זיך צוריקגעהאלטען פון צו זאגען עטוואס וועגען דעם.

ער האט אויך ערקלעהרט אז ער האט דערהוייל קיינע פלענער פאר דער צוקונפט חוץ דעם ווי צו פערנעהמען זיך מיט זיינע פערזענליכע אינטערעסען.

דזשעראַרד רעדט ניט

דער געוועזענער אמבאסאדאר דזשעראַרד האט זיך ענטזאגט צו זאגען עט־ וואס וועגען די יעצטיגע בעציהונגען צווישען די פעראייניגטע שטאטען און דייטשלאנד. ער האט אויסדריקליך ערקלעהרט אז ער ווערט גאר נישט זאגען איידער ער וועט ניט זעהען פרעזידענט ווילסאן און וועט איהם אבגעבען א בעריכט.

דערפאר אבער האבען די איבעריגע מיטגליעדער אין פראוען געזעהן גאנץ פריי. זיי זיינען ניט קיין דיפלאמאטען און האבען פאר קיינעם קיין מורא ניט.

איינינע פרויען פון דער פארטיע האבען ערקלעהרט דאס די דייטשע ציווילע בעפעלקערונג שטארבט פאר הונגער און דורכדעם איז די בעפעלקערונג געקומען צו אזא שטופע אז עס קימערט זיי ניט מעהר צו דייטשלאנד וועט זיעגען אדער ניט, אלעס וואס זיי ווילען איז שפייז.

די שטארקע דייטשע מיליטערישע האנד האלט גאנץ דייטשלאנד פעסט און מען לאזט דער בעפעלקערונג ניט וויסען דעם אמת וועגען דעם צושטאנד פון דער מלחמה. מען דערצעהלט בלויז פון דעם שונא׳ס שוואכקייט און מען פערבלענדט דעם עולם די אויגען מיט פאלשע זיעגע.

דאס דייטשע פאלק זעהט שוין אויך דעם דורכפאל דערמיט וואס דייטשלאנד האט אנגעפאנגען די אונבעגרענעצטע סובמארין מלחמה און זיך פערקריגט מיט דער גאנצער נייטראלער וועלט.

איינינע פאסאזשירען האבען אויך צוגעגעבען אז דער קייזער איז שטארק קראנק און אין די אפיציעלע קרייזען ווייס מען דאס, אבער פאר׳ן עולם ווערט עס ניט ארויסגעגעבען.

דער קייזער שטעהט שטענדיג אונטער דער אויפזיכט פון די דאקטוירים און זיי גיבען איהם פערשיעדענע דראגס ווייל ער קען ניט שלאפען.

מיט איין ווארט דעם גערום וועלכען די אמעריקאנער האבען געבראכט פון דייטשלאנד איז זעהר א טרויעריגער.

דייטשע שיקען פון די טרענטשעס שפייז אהיים

לאנדאן מערץ 12

דער אויסלענדישער קארעספאנדענט פון דער היגער דיילי מייל שרייבט אין א קארעספאנדענץ אז די דייטשע סאלדאטען פון די טרענטשעס שיקען פון זייער שפייז אהיים צו זייערע פאמיליעס.

דער קארעספאנדענט פערזיכערט אז דאס איז א פאקט וועגען וועלכען פיעלע נייטראלע בירגער וועלכע זיינען געווען אין דייטשלאנד האבען איהם איבערגעגעבען.

און דאס צו בעשטעטיגען האט ער א דאקומענט פון דער דייטשער פאסט וועלכער בעשטעטיגט עס אויך.

אין א צירקולאר וועלכער איז פאנאנדער געשיקט געווארען צו די סאלדאטען אין די טרענטשעס ווערט אויסדריקליך געזאגט אז סאלדאטען פון די פראנט קענען שיקען אהיים פעקלאך פון 10 פונט פאר דער קלײנער פרייז פון 10 פעניג.

גראף זעפעלין, געלייגט אין זיין אייגענעם קבר

ראטערדאם מערץ 12

היינט איז אין שטוטגארטען געווען גראף זעפעלינס לויה.

מיט איינינע יאהר צוריק האט דער גראף זיך בעזארגט מיט א קבר אויף׳ן בית עולם פון שטוט גארט, דער קבר איז געבויט געווארען אונטער זיין פערזענליכער אויפזיכט און פאלגליך האט די גרעפין זעפעלין בעשלאסען ער זאל געלייגט ווערען אין זיין אייגענעם קבר, און האט זיך ענטזאגט פון דער עהרע וואס מען האט געוואלט צוטהיילען צום פערשטארבענעם איהם צוגעבען א פלאץ אויף׳ן קייזערליכען בית עולם.

קייזער ווילהעלם איז אנוועזענד געווען צו דער לויה און חוץ איהם איז אויך געווען גענעראל פאן וועפנער דער הויפט קאמאנדיר פון דער דייטשער לופט פלאטע. מיט א ספעציעלער טריין זיינען געבראכט געווארען אלע טויזענד ארבייטער וועלכע זיינען בעשעפטיגט אין דער זעפעלין פאבריק פאר לופט שיפען אין פרידריכסהאפען.

אידישער קאנגרעס וועט ניט שטאטפינדען דעם 1־טען מאי

קאנגרעס עקזעקוטיווע רעקאמענדירט אבצולייגען דאס איינבערופען פון א קאנגרעס

(ספעציעל צום אידישען זשורנאל)

ניו יארק מערץ 12

עס איז זעהר מעגליך אז דער אידישער קאנגרעס אין אמעריקא זאל ניט שטאט־פינדען דעם 1־טען מאי ווי עס איז פריהער בעשלאסען געווארען.

די קאנגרעס עקזעקוטיווע האט נעכטען בעשלאסען אז צוליעב דער יעצטיגער אינטערנאציאנאלער סיטואציע זאל דער קאנגרעס ניט שטאטפינדען אין דעם בעשטימטען טאג נאר זאל אבגעלעגט ווערען.

די עקזעקוטיווע האט עס אבער בלויז אריינגעגעבען אלס רעקאמענדאציע דעם 1־טען אפריל וועט זיך פערזאמלען די גענעראלע קאנגרעס קאמיטע און וועט די רעקאמענדאציע דיסקוטירען און ענטשיידען אנצונעהמען אדער צוריקוויזען.

דריטע קענעדער מלחמה הלואה אן ערפאלג

ערשטער טאג ריעזיגער ערפאלג. ערווארטען א גרויסען איבערפלוס.

נעכטען פריה האט די קענעדער רעגיערונג אנגעפאנגען צו פערקויפען דיא באנדס פון דער דריטער מלחמה הלואה.

דער ערשטער טאג האט אריינגעבראכט א סומע געלד וועלכע מען האט קיינמאהל ניט ערווארטעט. איין איינציגע פירמא די ,,סאן לייף אינשורענס קאמפ.״ האט געקויפט פאר צעהן מיליאן דאלאר שערס.

די דאזיגע קאמפאניע האט זיך אויך בעטהייליגט אין די לעצטע צוויי הלואות קויפענדיג ביי דער ערשטער הלואה פאר דריי מיליאן און ביי דער צווייטער פאר פינף מיליאן דאלאר שערס. די אימפיריאל אויל קאמפאניע האט געקויפט פאר א מיליאן דאלאר שערס. די קענעדיען דזשענעראל עלעקטריק קאמפאניע האט געקויפט פאר פינף הונדערט טויזענד דאלאר און אויך א סך אנדערע פירמעס וועלכע זיינען נאך ניט בעוואוסט.

סער טהאמאס ווהייט, מיינסטער פון פינאנץ, האט געזאגט, דאס עס איז צו האפען, אז דאס קענעדער פאלק וועט אין דער איצטיגער קריטישער צייט ארויסווייזען נאך מעהר ענטשלאסענהייט: די פינאנציעלע שטארקייט, און דער איינהייטליכער שטרעבען פונ׳ם קענעדער פאלק.

די דאזיגע באנדס זיינען בעגרענעצט אויף דער סומע פון $150,000,000 וועלכע ווערען ארויסגעגעבען אויף צוואנציג יאהר, און אויף 5 פראצענט אינטערעסט. יעדער הונדערט דאלארדיגער באנד ווערט פערקויפט פאר 96 דאלאר, וואס דאס מאכט אוים דעם אינטערעסט, אויף 5.4 פראצענט.

די אלגעמיינע מיינונג וועגען דער איצטיגער הלואה איז די סומע אפליקאנטען וועט פיעל אריבערשטייגען די געוואונשטע סומע, ווארום דער פראצענט איז זעהר אגרויסער, און עס זיינען נאך ביז איצט ניט פערקויפט געווארען אזעלכע פראפיטאבילע רעגירונגס באנדס.

עס איז אויך די מיינונג דאס א סך אמעריקאנער פירמאס וועלען פערלאנגען די דאזיגע שערס. און דערפאר וועט דערפערלאנג זיין זעהר גרויס, און דאס וועט אויך וואהרשיינליך בעראורזאכען אז די שערס זאלען גלייך ווערען טייערער אין פרייז, און ארויפשטייגען ביז 97 דאלאר אויף יעדען הונדערט דאלארדיגען שער.

די שערס ווערען פערקויפט בלויז אין סומען פון גאנצע הונדערט דאלאר ביל.

בריאן וועט זיך צוריקציהען

די אפאזיציע אין פראנצויזישען פארלאמענט איז זעהר א שטארקע

פאריז מערץ 12

די אטאקעס וועלכע זיינען לעצטענס פון פארלאמענט געמאכט געווארען אויף דער רעגיערונג זיינען אזעלכע אז אלע גיבען צו סיי פריינד און סיי פיינד אז אזוי געהען ווייטער קען עס ניט.

אלע זיינען מיט דער מיינונג אז דאס וואס די אפאזיציע האט אנגענומען א שטעלונג ניט צושטימען וועגען קיין פראגע וועט אומווארפען דעם יעצטיגען קאבינעט. און עס איז זיכער אז פרעמייער בריאן וועט רעזיגנירען און לאזען איימיצען אנדערש אויפשטעלען א נייעם קאבינעט.

די לאגע איז יעצט די זעלבע ווי עס איז געווען אין 1911 ווען בריאן האט רעזיגנירט, און מען גלויבט אז דער סכסוך וועט זיך אויך יעצט ענדיגען אויף אזא אופן.

נייע סיטי דירעקטארי שוין פארטיג

אידען די פינפטע לויט פראפארציע

געכטען איז אנאנסירט געווארען דאס די נייע סיטי דירעקטארי איז שוין פארטיג געווארען פארן יאהר 1917, כאטש היינטיגעם מאהל איז די דירעקטארי פארטיג געווארען א סך שפעטער ווי זי ווערט געוועהנליך פארטיג, צוליעב מאנגעל אין ארבייטער.

די היינטיגע דירעקטארי בעווייזט א פאר אינטערעסאנטע ציפערען:

ערשטענס קען מען דערקענען דאס ביים ענדע פונ׳ם יאהר 1916 איז די טאראנטאר בעפעלקערונג געווען 527,556.

די שטאדט האט 1,780 גאסען און האט 101,280 געביידען פון פערשיעדענע סארטען.

4,312 פון די אלע הייזער שטעהען איצט לעדיג. לעצטעס יאהר זיינען געווען 6,433 לעדיגע הייזער.

די בעפעלקערונג איז פארטאנערגעטהיילט לויט זייער רעליגיעזען גלויבען, די אנהענגער פון דער ענגליש טשוירטש מאכט אוים דעם גרעסטען פראצענט, 29,95. נעקסט קומט די פרעסביטעריאנער, און דאן אזוי כסדר, מעטהאדיסטען רוימיש קאטוליש, אידען באפטיסטישע, סאלוויישאן ארמיי, לוטהעראנער און אזוי ווייטער.

די שטאדט האט איצט 20,418,08 קוואדראט מייל